# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:55
מוצאי שב"ק....................7:21

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............ישעיה ל"ה-ל"ו
בבלי......................מנחות ע"א
ירושלמי.................פאה ט'
תוספתא...........בכורות פרק ז'
רמב"ם................תרומות י"ד


פרשת לך, י"א חשון, שנת תשע"ט לפ"ק — שנה 8, גליון 6 (366)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיֹּאמֶר ה' לְאַבְרָם לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ**, מוֹהֲרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (ליקוטי מוהר"ן ח"ב, הקדמה) אוֹיפְן פָּסוּק (יחזקאל לג) **אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם** - אַבְרָהָם אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דֶעם אַז עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז אֵיינֶער אַלֵיינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן גֶעמַאכְט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים גֶעשְׁטֶערְט, פוּן זַיין טַאטֶע תֶּרַח, אוּן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים גֶעשְׁטֶערְט, נָאר עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַזוֹי וִוי עֶר אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

זָאגְט דֶער רֶבִּי, אַז אַזוֹי דַארְף טוּהן יֶעדֶער אִיד וָואס ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם וָואס שְׁטֶערְט אִים, וִוי לְמָשָׁל זַיין טַאטֶע, מַאמֶע, שְׁוֶוער, וַוייבּ, קִינְדֶער, אָדֶער אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר עֶר זָאל זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן וִוי עֶר אִיז אַלֵיינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַבְרָהָם **לֶךְ לְךָ** - גֵיי צוּ דִיר, זָאלְסְט טְרַאכְטְן נָאר פוּן דִיר, אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם וָואס ווִיל דִיר שְׁטֶערְן פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי **מֵאַרְצְךָ** - פוּן מֶענְטְשְׁן פוּן דַיין סְבִיבָה, סַיי **וּמִמּוֹלַדְתְּךָ** - פוּן דַיינֶע קְרוֹבִים אוּן מִשְׁפָּחָה, סַיי **וּמִבֵּית אָבִיךָ**, זָאלְסְט נָאר אַנְטְלוֹיפְן **אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ** - אֶרֶץ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אֱמוּנָה, אַנְטְלוֹיף נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְט נָאר וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זאת הַתּוֹרָה לֶךְ ב')

***

**וְאַנְשֵׁי סְדוֹם רָעִים וְחַטָּאִים לַה' מְאֹד** - מוֹהֲרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (ליקוטי מוהר"ן ח"ב ז) דֶער עִיקָר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶער דַעַת, דָאס מֵיינְט צוּ וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים ד) **אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים**, אוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין מֶענְטְשׁ נָאר אַ חַי' וָואס זֶעהְט אוֹיס וִוי אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ פוּן אַזַא מֶענְטְשׁ זֵייעֶר הִיטְן, וַוייל עֶר קֶען שֶׁעדִיגְן.

אוּן דָאס זֶעהְט מֶען בְּחוּשׁ, אַז עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן רִשְׁעוּת לְשֵׁם רִשְׁעוּת, אָן קֵיין שׁוּם טַעַם, אוּן דִי גְרֶעסְטֶע צָרָה אִיז, אַז זֵיי זָאגְן אַז זֵיי טוּעֶן עֶס לְשֵׁם שָׁמַיִם, נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס וֶועגְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (ליקוטי מוהר"ן ח"א, א) אַז דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט עֲבֵירוֹת פַאר מִצְוֹת, עֶר רֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ צוּ טוּהן אַן עֲבֵירָה, אוּן עֶר רֶעדְט אִים נָאךְ אַיין אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: **וְאַנְשֵׁי סְדוֹם רָעִים וְחַטָּאִים** - זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע רְשָׁעִים, אָבֶּער **לַה' מְאֹד** - נָאר פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס וֶועגְן, נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם, אוּן פוּן זֵיי דַארְף מֶען זִיךְ דִי מֶערְסְטֶע הִיטְן.

(זאת הַתּוֹרָה לֶךְ ח')

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### וָואס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ?

חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ו'): "אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְזָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבִים וּמַרְגָּלִיּוֹת אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים בִּלְבָד" - דִי גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, דִי גֶעלְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ זַאמְלְט זִיךְ אַיין אוֹיף דִי וֶועלְט, דָאס בַּאגְלֵייט אִים נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר דִי תּוֹרָה אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אוֹיף דִי וֶועלְט.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִין יְשִׁיבָה אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז דִי בָּחוּרִים פוּן יְשִׁיבָה זָאלְן קוּמֶען צוּ אַ לְוָי' צוּ בַּאגְלֵייטְן אַ נִפְטָר. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט יֶענֶעם גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס הַאנְדֶעלְט זִיךְ פוּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע לְוָי' פוּן אַ מֵת מִצְוָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶוער עֶס זָאל בַּאגְלֵייטְן, אָדֶער עֶר ווִיל פָּשׁוּט אַז עֶס זָאל זַיין מֶער מֶענְטְשְׁן בַּיי דִי לְוָי'. יֶענֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶס אִיז יָא דָא גֶענוּג מֶענְטְשְׁן, נָאר עֶר קֶען בַּאשְׁטֵיין אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן אוֹיךְ אַהִינְקוּמֶען. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ אַזוֹי זָאל עֶר נִישְׁט מְבַטֵל תּוֹרָה זַיין פוּן דִי בָּחוּרִים. חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קי"ט:) אַז מֶען שְׁטֶערְט נִישְׁט דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן פוּן לֶערְנֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דָאךְ זִיכֶער אִין דֶעם פַאל אַז מֶען טָאר זֵיי נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען אַז זֵיי זָאלְן גֵיין צוּ דִי לְוָי'.

אוּן דַאן אִיז מוֹהֲרָא"שׁ אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן אַז דֶער עִיקָר כָּבוֹד פוּן אַ נִפְטָר אִיז וֶוען עֶר הָאט דִי מַלְאָכִים וָואס בַּאגְלֵייטְן אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהַאט שֵׂכֶל אוּן עֶר

<<<<<<

## א גוט ווארט

מֶען הָאט אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן רֶבִּ'ין פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן עוֹלָם הַזֶּה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיט): אֶפְשָׁר אִיז דָא אוֹיבְן אִין הִימְל אַ וֶועלְט וָואס הֵייסְט 'עוֹלָם הַזֶּה', וַוייל דָא אִיז נִישְׁט דָא קַיין עוֹלָם הַזֶּה, נָאר דָא אִיז דֶער גֵיהִנוֹם אַלֵיינְס, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז פוּל מִיט יִסּוּרִים; נָאר אֵיין עֵצָה אִיז דָא, אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' נֹחַ תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## בִּין אִיךְ שׁוֹין גְרֵייט נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן?



***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי טֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים וָואס הָאט אִין זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חֵן, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ הֶער פוּן אַייךְ אִיבֶּער דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִיז עֶס גֶעשְׁמַאק צוּ הֶערְן, וִוי אוֹיךְ אִין דִי נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה קֶען מֶען פִילְן אַן הֶעכֶערְקֵייט אוּן אַן הִתְעוֹרְרוּת.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעבֶּעטְן מִתְפַּלֵל צוּ זַיין פַאר מִיר, אוּן אִיךְ הָאבּ ב"ה גֶעזֶען אַסַאךְ גְרוֹיסֶע שִׁינוּיִים לְטוֹבָה.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז יֶעצְט אַזוֹי, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶע'גֶט אוּן אִיךְ וִויל זוּכְן אַ צְוֵייטֶע שִׁידוּךְ אוּן מְקַיֵים זַיין מִצְוַת פְּרִיָה וּרְבִיָה, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט כּוֹחוֹת דֶערְצוּ נָאכְאַמָאל זִיךְ אוּנְטֶערְצוּנֶעמֶען אַ כְּתוּבָּה, וּבִפְרַט אַז אִיךְ דַארְף נָאךְ אוֹיךְ אוֹיסְהַאלְטְן מַיין גֶעוֶועזֶענֶע מִשְׁפָּחָה, וָואס דָאס קָאסְט מִיר נָאךְ טֵייעֶרֶער וִוי וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען צוּזַאמֶען.

זָאל אִיךְ שׁוֹין זוּכְן אַ פְרִישֶׁע שִׁידוּךְ, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ בִּין זֵייעֶר עֶנְג אִין גֶעלְט, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין גְרֵייט נָאכְאַמָאל צוּ גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר אַ פְרוֹי?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן, אוֹיסֶער דִי עֵצוֹת פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה וָואס דָאס טוּ אִיךְ שׁוֹין, אוּן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין פַאר מִיר.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, עֲקִיבָא**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד עֲקִיבָא נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער: וַוארְף אַוֶועק דַיינֶע חָכְמוֹת הַמְדוּמוֹת. וִוי קְלוּג מִיר זָאלְן נָאר זַיין זֶענֶען מִיר נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, יח): "לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ", עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַלֵיין.

קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט וֶוען עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין וַוייבּ - עֶרֶב שָׁבוּעוֹת תקס"ז. דִי חֶבְרָה קְדוּשָׁה הָאבְּן זֵייעֶר שְׁנֶעל גֶעמַאכְט דִי טָהֳרָה אוּן מֶען הָאט בַּאוִויזְן אִיר צוּ מְקַבֵּר זַיין נָאךְ פַארְן זְמַן אַזוֹי אַז דֶער רֶבִּי הָאט נָאךְ גֶעקֶענְט הַאלְטְן אֲבֵלוּת פַאר יוֹם טוֹב, הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תרפו, סְעִיף קָטָן מ): "וֶוען אִיךְ זָאל מִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, וָואלְט אִיךְ גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מִיר שׁוֹין אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ וִוִיבַּאלְד דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, יח): "לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ", עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַארְן מֶענְטְשׁ צוּ זַיין אָן אַ וַוייבּ, דֶעריִבֶּער וִויל אִיךְ נִישְׁט אַז תּוֹרָה זָאל מִיר אָנְרוּפְן אַז אִיךְ בִּין אַ 'לֹא טוֹב'".

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה הָאבְּן; דָאס אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין כּוֹחוֹת אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט גֶעבְּן קַיין לִיבְּשַׁאפְט פַאר אַ פְרוֹי, דָאס אִיז וַוייל דוּ בִּיסְט אַ פְּלַג גוּף, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה", אַז מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאט מֶען נִישְׁט דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן; וֶוען דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ וֶועסְטוּ גְלַייךְ בַּאקוּמֶען פְרִישֶׁע כּוֹחוֹת אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אוּנְטֶער שְׁרַייבְּן אַ כְּתוּבָּה וַוייל דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט? אָן אַ וַוייבּ אִיז נִישְׁט דָא קַיין בְּרָכָה אִין דִי גֶעלְט אוּן ווִיפִיל גֶעלְט דוּ זָאלְסְט נָאר פַארְדִינֶען וֶועט נִישְׁט זַיין אִין דֶעם קַיין בְּרָכָה, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִיקַּר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דֶער עִיקָר עֲשִׁירוּת קוּמְט בִּזְכוּת דִי וַוייבּ; דֶערְפַאר אַז דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח, דוּ וֶועסְט קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

(גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' לֶךְ תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

הָאט אָנְגֶעפוּלְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט גוּטֶע זַאכְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, וָואס פוּן דֶעם וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פִילֶע הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים. דַאן וֶועלְן דִי הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים אִים בַּאגְלֵייטְן וֶוען עֶר קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זָאגְט דֶער תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ (פֶּרֶק י"ב) "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם מְלַוִין אוֹתוֹ עַד שָׁעָה שֶׁהוּא נִכְנָס לְבֵית עוֹלָמוֹ" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דָאס אִים בַּאגְלֵייטְן בִּיז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען אִין גַן עֵדֶן.

מִיר קֶענֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט פוּן דֶעם בַּאשַׁאפְן אַ מַלְאָךְ וָואס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן עֶר וֶועט אִים אָפְּהִיטְן דִי גַאנְצֶע וֶועג אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶס.

דִי לְוַיָ' פוּן מֶענְטְשְׁן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט, נִישְׁט דָאס אִיז דֶער עִיקָר. פַארְקֶערְט, דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אַ נִפְטָר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס מִיט אַ גְרוֹיסֶע לְוַיָ'. נִישְׁט פוּן דֶעם דַארְף מֶען מַאכְן אַן עֵסֶק. מֶען דַארְף נָאר זֶען זִיךְ גוּט אָנְצוּגְרֵייטְן דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס וֶועט אַמָאל קוּמֶען אַ טָאג וָואס מֶען וֶועט דַארְפְן פַארְלָאזְן דִי וֶועלְט, אוּן דַאן וֶועט נָאר זַיין חָשׁוּב דִי מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן נָאר זֵיי וֶועלְן אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן הֶעלְפְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועג.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין דִי שְׁטָאט טֶעפְּלִיק הָאט גֶעווְאוֹינְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר אִיד, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ר' הֶערְשְׁקָא, עֶר הָאט גֶעווְאוֹינְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִין עֶפֶּעס אַ צוּבְּרָאכְן הַייזְקֶעלֶע, קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף אִים, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעהַאלְטְן פַאר זֵייעֶר אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ.

אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער זַ"ל גֶערוּפְן זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ"ל אִינְמִיטְן דִי נַאכְט בַּיי חֲצוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל גֵיין צוּם עֶק שְׁטָאט דָארְט וִוי רֶבִּי הֶערְשְׁקָא ווְאוֹינְט אוּן עֶר זָאל קוּקְן זַיין עֲבוֹדָה וָואס עֶר טוּט יֶעצְט בַּיי חֲצוֹת.

אָנְקוּמֶענְדִיג אַהִין הָאט רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אַרַיינְגֶעקוּקְט אוּן גֶעזֶען וִוי רֶבִּי הֶערְשְׁקָא זִיצְט אִיבֶּערְגֶעבּוֹיגְן אוֹיף עֶפֶּעס אַ סֵפֶר אוּן עֶר לֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע וַוארִימְקֵייט אוּן גֶעשְׁמַאק. רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער רוֹשֶׁם וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט בַּאקוּמֶען אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיי אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. עֶר הָאט גֶעזֶען אַ אִיד וָואס אִיז אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין כָּבוֹד פַאר זַיין לֶערְנֶען. עֶר זִיצְט אָבֶּער אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט אַזַא חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

וֶוען רֶבִּי הֶערְשְׁקָא אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זַיין לְוַיָ'. בַּיי דִי לְוַיָ' הָאבְּן זִיךְ בַּאטֵיילִיגְט נָאר דְרֵיי מֶענְטְשְׁן. רֶבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער מִיט זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אוּן נָאךְ אַ אִיד.

רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִי לְוַיָ', עֶר הָאט דָאךְ יָא גֶעווְאוּסְט אַז דֶער אִיד אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא פָּשׁוּט'עֶר אִיד. הָאט אִים זַיין שְׁוֶוער בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶס מַאכְט נִישְׁט צוּפִיל אוֹיס וִויפִיל מֶענְטְשְׁן עֶס זֶענֶען דָא יֶעצְט אוּנְטְן בַּיי דִי לְוַיָ'. וֶוען דֶער רֶבִּי הֶערְשְׁקָא קוּמְט אָבֶּער אַרוֹיף אוֹיבְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וֶועט עֶר הָאבְּן גֶענוּג אוּן נָאךְ בַּאגְלֵייטֶערְס. דִי צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים וֶועלְכֶע זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי פִילֶע מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן בְּעִיקָר פוּן דִי לִיכְטִיגֶע נֶעכְט וָואס עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי לְוַיָ' דָארְט אוֹיבְן, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט.

וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ גֵיין צוּ אַ לְוַיָ', אִיז דַאן דִי צַייט וָואס עֶר דַארְף זִיךְ אִיבֶּערְקְלֶערְן אוּן גֶעדֶענְקֶען דֶעם פְּלַאץ וואוּ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם סוֹף אָן. אוּן דָאס זָאל אִים שְׁטַארְקְן אָנְצוּפוּלְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט גוּטֶע זַאכְן, אַז עֶר זָאל הָאבְּן מִיט וָואס אַרוֹיפְצוּקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. וֶוען מֶען פִירְט אַן אָרוֹן פוּן אַ נִפְטָר וָואס הָאט אוֹיסְגֶענוּצְט דִי צַייט אִין זַיין לֶעבְּן, דַאן אִיז דָאס נִישְׁט אַ פָּשׁוּט'עֶר אָרוֹן, נָאר דָאס אִיז אַן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אַ הֵיילִיגֶער אָרוֹן וָואס אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט פִילֶע הֵיילִיגֶע

<<<<<<

**וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל וַוארְט עֶר נִישְׁט בִּיז דֶעמָאלְט, נָאר עֶר לֶערְנְט אַלֵיינְס מִשְׁנַיוֹת, צוּ מַאכְן אַן עִלוּי פַאר זַיין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה, אוּן אַזוֹי דַארְף עֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ יֶענֶעמְ'ס טוֹבוֹת.**

>>>>>>

סְפָרִים וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער צַדִּיק רֶבִּי צְבִי אֱלִימֶלֶךְ מִבְּלָאזְשׁוּב זי״ע, דֶער "צְבִי לַצַּדִּיק", פְלֶעגְט אַסַאךְ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת. אֵיינְמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַן עֶלְטֶערֶער חָסִיד, יֶענֶער אִיז נָאךְ גֶעוֶוען בַּיי זַיין טַאטֶע'ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָוִד'ל דִינוֹב'עֶר זי״ע דֶער זוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן "בְּנֵי יִשָּׂשכָר" זי״ע, אוּן דֶער חָסִיד הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער צַדִּיק זִיצְט אוּן זָאגְט מִשְׁנַיוֹת.

פַאר דֶעם חָסִיד אִיז דָאס נִישְׁט גֶעפָאלְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ שְׁטִיקְל גְרִינְגְשֶׁעצוּנְג: "אִיר זֶענְט אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען מִיט מִשְׁנַיוֹת?" וֶוען דֶער צַדִּיק הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלַאפְּן מִיט דִי פִינְגֶער אוּן גֶעזָאגְט: "אוֹי אוֹי, בַּאלְד קוּמְט שׁוֹין דֶער מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן"...

דֶער חָסִיד הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן, הָאט אִים דֶער צַדִּיק אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסְבִּיר זַיין אוּן אַרָאפְּלֵייגְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחַד אוּן שְׁרֶעק וָואס עֶס כַאפְּט אַ מֶענְטְשׁ אִין זַיין לֶעצְטֶער טָאג וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אִים דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן. אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶער פַּחַד אַז דִי נְשָׁמָה פְּלִיט אִים אַרוֹיס פוּן דֶעם אַלֵיין. אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶער דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת קֶען מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אִים! נוּ, זָאל אִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת?!"

מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת לְעִילוּי נִשְׁמַת אַ נִפְטָר, וֶוען אַ אִיד גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, נֶעמְט זִיךְ יֶעדֶער אוּנְטֶער אַ מַסֶכְתָּא מִשְׁנַיוֹת וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען לְעִילוּי נִשְׁמָתוֹ. מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן אָבֶער נִישְׁט אַז מֶען קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת פַאר דִי אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה. "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיוֹת "נְשָׁמָה", אוּן אוֹיבּ קֶען דָאס הֶעלְפְן אוּן דֶערְהֵייבְּן אַ צְוֵוייטְנְ'ס נְשָׁמָה, קֶען עֶס זִיכֶער אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן הֵיילִיגְן דִי אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה. פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶר וֶועט דַארְפְן הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים אַז אֵיינֶער זָאל טַאקֶע לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת פַאר אִים? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל וַוארְט עֶר נִישְׁט בִּיז דֶעמָאלְט, נָאר עֶר לֶערְנְט אַלֵיינְס מִשְׁנַיוֹת צוּ מַאכְן אַן עִלוּי פַאר זַיין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה, אוּן אַזוֹי דַארְף עֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ יֶענֶעמְ'ס טוֹבוֹת.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, נָאר עֶר כַאפְּט אַרַיין וִוי מֶער תּוֹרָה, וִוי מֶער מִצְוֹת אוּן גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל נָאר דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף שְׁטֶענְדִיג סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא״שׁ חֵלֶק ד' עֶרֶךְ לְוָיָה וְחֵלֶק ט״ז עֶרֶךְ מֵת מִצְוָה)

**המשך פון דף ד**

קינדער, שידוכים, שלום בית, און נאך פילע זאכן, און זיי האבן זיך אריבערגעכאפט קיין יבנאל און זיך אויסגעבעטן דארטן, און גלייך דערנאך האבן זיי געזען א גרויסע ישועה.

מוהרא"ש שרייבט אין די צוואה (סימן ה): **איך וועט מען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף קענען פועל'ן ביי מיין קבר אלע ערליי ישועות. ווען מען וועט קומען מתפלל זיין ביי מיין קבר, וועל איך זיין א מליץ יושר און איך וועל נישט רוען ביז איך וועל זען צו ברענגען די ישועה פאר דעם וואס איז געקומען אויף מיין קבר",** און דאס זעט מען ממש בחוש טאג טעגליך ווי מענטשן פועל'ן אלע סארט ישועות און רפואות ביים הייליגן ציון.

**גדולים צדיקים במיתתן יותר מבחייהן!**

***

## "קול הלשון" שטעלט צו א דירעקטע ליין צו ראש ישיבה'ס שיעורים

מטעם קול הלשון פון ארץ ישראל איז געמאלדן געווארן א בשורה טובה, אז צוליב די פילע פארלאנגען וואס רופן אריין צו הערן דעם ראש ישיבה'ס שיעורים, האבן זיי צוגעשטעלט א דירעקטע ליין, ווי מ'וועט קענען אנקומען תיכף צום ראש ישיבה'ס שיעורים אויף קול הלשון. דער נייער נומער אין ארץ ישראל איז **073-2951514**.

**שמעו ותחי נפשכם!**

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (ט)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נָאךְ אַלְס יוּנְג קִינְד אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס מְסִירַת נֶפֶשׁ, אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל אֲפִילוּ וִויסְן דֶערְפוּן.**

**נא**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אִין זַיינֶע קִינְדֶערִישֶׁע יָארְן אַסַאךְ לוֹיפְן צוּם קֶבֶר פוּן זַיין זֵיידְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, אוּן דָארְט פְלֶעגְט עֶר בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן זַיין זֵיידֶע עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

גֶעוֶוענְלִיךְ פְלֶעגְט עֶר אַהִינְגֵיין אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, אֲפִילוּ אִינְמִיטְן דִי וִוינְטֶער, אִין דִי פְרָאסְטִיגֶע נֶעכְט, פְלֶעגְט עֶר אוֹיךְ אַהִינְגֵיין, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק פְלֶעגְט עֶר גֵיין אִין מִקְוֶה. דָארְט אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי מִקְוָאוֹת, אֵיינְס פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן אֵיינְס פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן צוּ גֵיין דַוְקָא אִין דִי דְרוֹיסְנְדִיגֶע וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר קַאלְט, כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז שׁוֹין סַיי וִוי גֶעוֶוען דוּרְכְגֶעפְרוֹירְן פוּן זַיין בַּיים צִיּוּן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע, סַיי פוּן דִי לַאנְגֶע וֶועג וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט גֵיין פוּן זַיין הוֹיז וָואס אִיז גֶעוֶוען וַוייט פוּן צִיּוּן, אוּן נָאכְדֶעם דִי לַאנְגֶע צַייט וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן אִין דִי קֶעלְט, אוּן דֶערְנָאךְ דִי וֶועג צוּרִיק צוּם מִקְוֶה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר דַוְקָא גֶעגַאנְגֶען אִין דִי מִקְוֶה פוּן אִינְדְרוֹיסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר קַאלְט, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט מְסַגֵף זַיין.

דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דָאס פְלֶעגְט עֶר טוּן נָאךְ זַייעֶנְדִיג אַלְט בְּלוֹיז זֶעקְס יָאר.

**נב**

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעוֵויינְט גָאר אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ צוּ וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען אִין עֲבוֹדַת ה', פְלֶעגְט עֶר אוֹיף דֶעם וֵויינֶען זֵייעֶר אַסַאךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט אִין לֶערְנֶען, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער צוּ נָאךְ סְפָרִים וָואס עֶר הָאט אוֹיף זֵיי אוֹיךְ זֵייעֶר גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְצוּ.

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער צוּ דִי קַבָּלָה סְפָרִים, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ״ל, אוּן עֶר הָאט וִוידֶער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָארְט שְׁטֵייט, אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיךְ דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז אִין אָנְהוֹיבּ הָאט עֶר מַמָּשׁ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פָּשׁוּט פְּשַׁט אִין סַיי וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֶערְנֶען, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶער זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט וַוייטֶער אוֹיפְ'ן לֶערְנֶען, בִּיז וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**נג**

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר אַלְט, הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין אַ צַדִּיק, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת מִיט גְרוֹיס קְדוּשָׁה אוּן דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה מִיט זְרִיזוּת גְלַייךְ נָאךְ חֲצוֹת, פוּן מִקְוֶה אִיז עֶר גְלַייךְ אַהֵיים גֶעלָאפְן זִיךְ אָנְטוּן שַׁבָּת'דִיג, אוּן פוּן דָארְט אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעלָאפְן אִין שׁוּל, עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אִין שׁוּל אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט שְׁפִּירְן דִי קְדוּשָׁה פוּן שַׁבָּת, דִי קְדוּשָׁה פוּן דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט זֶען עֶפֶּעס הֶעכֶערְס, עֶר הָאט אָבֶער גָארְנִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אוּן גֶעזֶען.

דֶערְוַוייל הָאבְּן מֶענְטְשְׁן אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען אִין שׁוּל, עֶפֶּעס אַ חָשׁוּבֶער אִיד אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיי זַיין שְׁטֶענְדֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט דֶעם קָאפּ אוּנְטֶער'ן שְׁטֶענְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד הָאט מֶען נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז דָארְט, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעלִיגְן דָארְט אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעוֵויינְט פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה בִּיז בַּיינַאכְט, אַזוֹי סַאךְ הָאט עֶר גֶעוֵויינְט אַז זַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעשְׁוָואלְן פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן, אוּן דַאן הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר זֶעט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע אוֹר, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט צוּגֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן פַאר אַזַא לַאנְגֶע צַייט

<<<<<<

>>>>>>

אוּן עֶר הָאט גֶעוויינְט אַזוֹיפִיל, אוּן דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נַאכְט אוּן מְ'הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אָנְגֶעצִינְדֶען דִי לִיכְט, הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר זֶעט עֶפֶּעס אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע לִיכְטִיגְקֵייט, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר זִיךְ אַבִּיסְל בַּארוּאִיגְט.

**נד**

דָאס וֵויינֶען הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהַאלְטְן פַּאר זַיין גַאנְץ הֵיילִיג לֶעבְּן, עֶר פְּלֶעגְט אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס קוּמְט וַוייל זַיין מִשְׁפָּחָה שְׁטַאמְט פוּן מַלְכוּת בֵּית דָוִד, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי גֶעוֶוענְלִיךְ אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, זֵיי וֵויינֶען אַסַאךְ, אוּן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוֶוענְלִיךְ אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְ'ן פָּנִים. וַוייל דָוִד הַמֶלֶךְ עָלָיו הַשָׁלוֹם הָאט דָאךְ גֶעמַאכְט דֶעם סֵפֶר תְּהִלִים, וָואס אִיז מֶערְסְטְנְס הַארְצִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, פוּל מִיט גֶעשְׁרֵייעֶן אוּן גֶעוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער הָאבְּן זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ אוֹיךְ גֶעוֶוענְלִיךְ אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ.

אוֹיךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס פֶּעטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע, הָאט מֶען גֶעוֶוענְלִיךְ גֶעזֶען מֶער מִיט אַ צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, נִישְׁט מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע פָּנִים.

**נה**

אֵיין מָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזִיצְן אִין זַיין צִימֶער אוּן גֶעוֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעוֵויינְט בִּיז וֶוען דִי טְרֶערְן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רִינֶען אוֹיף דֶער עֶרְד, דִי גַאנְצֶע עֶרְד אִיז גֶעוָוארְן נַאס פוּן זַיינֶע טְרֶערְן, בִּיז וֶוען זַיינֶע שִׁיךְ זֶענֶען גֶעוָוארְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶער עֶרְד פוּן דִי נַאסְקֵייט פוּן דִי טְרֶערְן.

**נו**

אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אִין דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אִין יוֹם סוּכּוֹת וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט דִי ד' מִינִים אַרוּם דִי בִּימָה צוּ זָאגְן הוֹשַׁעֲנוֹת, הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן נָאכְדֶעם גֶעזֶען אַז דִי גַאנְצֶע וֶועג וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִיז נַאס פוּן טְרֶערְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט פַארְגָאסְן בַּיים אַרוּמְגֵייִן דִי בִּימָה.

**נז**

אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן זַיין אַלְטֶע טַלִית פַּאר אַ מַתָּנָה פַּאר אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר הָאט יֶענֶעם אָנְגֶעזָאגְט, "זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מְכַבֵּד צוּ זַיין דֶעם טַלִית, וַוייל אַזוֹיפִיל פֶּעדִימֶער וִויפִיל סְ'אִיז דָא אִין דֶעם טַלִית, אַזוֹיפִיל טְרֶערְן הָאבּ אִיךְ פַּארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט וָואס דָאס מֵיינְט אַ טַלִית".

**נח**

דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט אַז אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען נָאר וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז סַיי וֶועלְכֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט אִים נָאכְטוּן, עֶר וֶועט גֵיין אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן וֶועג, אוּן זַיין אַ שְׁטַארְקֶער עַקְשָׁן אוֹיךְ צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט יֶענֶער אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף צוּקוּמֶען, וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין וִויפִיל מְ'הָארֶעוֶועט צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ מַאכְן אַסַאךְ תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן צוּ וֵויינֶען אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## שיינע סיום אויף ירושלמי מסכת ברכות

דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג האבן אנשי שלומינו זוכה געווען צו ענדיגן מסכת ברכות פון תלמוד ירושלמי, אויפ'ן סדר וואס מ'לערנט יעדן טאג א דף. מ'איז זיך צוזאמגעקומען אין ישיבה פאר א שיינעם סיום לכבוד די גרויסע שמחה.

שוין אסאך יארן וואס ס'איז איינגעפירט ביי אנשי שלומינו צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא פון תלמוד בבלי, א דף פון תלמוד ירושלמי, און א פרק אין תוספתא, אזוי ווי עס איז געדרוקט אין די לוח ברסלב. און מיט דעם האט מען א גאנצע "בית", ב'בלי י'רושלמי ת'וספתא.

מען זעט אז בגשמיות זוכט יעדער צו האבן א שיינע געשמאקע גרויסע הויז פאר זיך און פאר די משפחה מיט ישוב הדעת, און אזוי זאגן חז"ל (סוכה נ"ז:) אז א דירה נאה איז איינס פון די זאכן וואס זענען מרחיבין דעתו של אדם. און אויב אזוי דארף דאך א מענטש זיכער זוכן אז ער זאל האבן א שיינע גוטע הויז אויך אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט אויף אייביג, און מיט דעם וואס מען לערנט יעדן טאג **ב**'בלי **י**'רושלמי און **ת**'וספתא, וואס איז די ראשי תיבות "**בית**", און מען גייט עס איבער איין מאל און נאכאמאל, מיט דעם בויעט מען זיך אויף א שיינע הערליכע געשמאקע הויז אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט פארן מענטש אויף אייביג.

מען זעט ליידער מענטשן וואס עס קען זיי דורכגיין די גאנצע זיבעציג יאר און זיי האבן נישט זוכה געווען אפילו איין מאל אדורך צו גיין און ענדיגן בבלי ירושלמי און תוספתא, און זיי גייען אוועק פון די וועלט אן קיין תורה, און עס איז א גרויס רחמנות אויף זייערע נשמות. ווען א מענטש האט אבער שכל, כאפט ער אריין צו לערנען יעדן טאג כאטש א דף בבלי, א דף ירושלמי און א פרק תוספתא, און מיט גרייט ער זיך אן גוטע שפעזן מיטצונעמען אויף יענע וועלט.

ביים יעצטיגן מחזור אין ירושלמי, וואס האט זיך אנגעהויבן דעם פארגאנגענעם שבת מברכים אלול, האבן נאך פילע אנשי שלומינו זיך אנגעשלאסן אין דעם לימוד, און יעצט האט מען מיט גרויס שמחה זוכה געווען מסיים צו זיין מסכת ברכות, און מ'האט אנגעהויבן מיט א פרישקייט מסכת פאה.

ביים סיום האט דער ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט איבער דעם וואס דער הייליגער רבי אז א איד זאל דורכגיין די גאנצע תורה, ער זאל זיך קענען אויפטון אויף יענע וועלט אז ער איז געווען אין אלע חלקים פון די תורה, אזוי ווי מ'זעט מענטשן וועלכע טוען זיך אויף אז זיי זענען שוין געווען אין אסאך לענדער און שטעט איבער די וועלט.

ווי אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א שטארק ארויסגעברענגט די גרויסקייט פונעם "סדר דרך הלימוד" פון הייליגן רבי'ן, אז מ'קען לערנען תורה אפילו מ'פארשטייט נישט וואס מ'זאגט און מ'געדענקט נישט וואס מ'לערנט, ווייל נאר אזוי קען א מענטש מצליח זיין צו לערנען זיינע שיעורים יעדן איינציגסטן טאג פון יאר, ביי יעדן מענטש מאכט זיך צייטן און מצבים וואס ער קען נישט לערנען געהעריג, און אויב נעמט מען דעם "סדר דרך הלימוד" פון הייליגן רבי'ן איז מען זוכה אז ס'גייט נישט דורך א טאג אן לימוד התורה.

דער ראש ישיבה שליט"א געבט יעדן אינדערפרי א שיעור אין בבלי און ירושלמי, מ'קען הערן די שיעורים יעדן טאג אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין [זעט די נומערן אונטן אין א באזונדערע קעסטל].

**עבידנא יומא טבא לרבנן!**

***

## שיינע חתונה פון א תלמיד הישיבה

דעם פארגאנגענעם מיטוואך איז פארגעקומען די חתונה פון א תלמיד הישיבה, החתן מו"ה משולם פינטער ב"ר מרדכי הי"ו, עב"ג בת מו"ה יצחק קאפלאן הי"ו, אב"י בעיר בית שמש.

די חתונה איז פארגעקומען אין ארץ ישראל אין בית שמש, און עטליכע בחורים פון ישיבה זענען געפארן קיין ארץ ישראל זיך מיטצופרייען ביי די חתונה. ס'איז געווען א פרייליכע חתונה.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## פילע ישועות ביים ציון הקדוש אין יבנאל

אין די לעצטערע צייטן הערט מען פון פילע גרויסע ישועות וואס זענען גע'פועל'ט געווארן ביים ציון הקדוש פון מוהרא"ש אין יבנאל, פילע אידן דערציילן איבער גרויסע פראבלעמען מיט וואס זיי האבן זיך געמוטשעט, אין געזונט, פרנסה, לעגאלע זאכן, נחת פון

**המשך בדף ג**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **עזרא בוים** הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **משולם פינטער** הי"ו

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, געזונט פרנסה און נחת מיט דורות ישרים ומבורכים

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,**
**קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידו"ס,**
**USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך <** 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

**הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן**